View metadata, citation and similar papers at core.ac.uk
brought to you by CORE
provided by Hochschulschriftenserver - Universität Frankfurt am Main

יוסף טונקעל
(דער טונקעלער)

# נחת פֿון קינדער

## (אַ מאָנאָלאָג, געשריבן אין 1905טן יאָר)

אַקעגן דעם, וואָס איר זאָגט: היַינטיקע קינדער. קינדער האָב איך, ווי איר זעט מיך אַ ייִדן, דווקא ווילע, גאַנץ גוטע קעפּלעך, שיינע, נאָר קיין נחת פֿון זיי האָבן איז מיר, אַ פּנים, נישט באַשערט. עפּעס האָב איך פֿון זיי אַ פֿאַרשטערטן לעבן! און פֿרעגט: פֿאַר וואָס? פֿאַר ווען?

ווער וואָלט זיך דאָס אַ מאָל גאָר געקענט פֿאָרשטעלן וואָס פֿאַר אַ צרות היַינטיקע עלטערן ווען דאָס אַ ביסל אויסשטיין פֿון קינדער; דאָס הייסט צרות פֿון קינדער איז אַ מאָל אויך געווען גענוג; צער-גדול-בנים האָבן עלטערן אויך גענוג געהאַט, אָבער צי פֿון אַזעלכע נאַרישקייטן, צי פֿון אַזעלכע משוגעתן האָט מען געליטן?

דאַכט זיך, וואָס? קיין גראָבע יונגען זיַינען מיַינע קינדער ניט, קיין עזות-פּנימער אויך ניט; דווקא איידעלע, מיט גוטע כאַראַקטאָרן; און זאָגן, גרויסן אומכּבֿוד חס-ושלום, האָב איך פֿון זיי אויך ניט. נאָר ווען אַ שטייגער, וואָלט דאָס אַרן, אַז אָט די אייגענע קינדער טאַקע וואָלטן געווען שטיקלעך מענטשן, מיט אַ שם, מיט אַ נאָמען, מיט... מיט... מיט אַ שטאַט?! טאַקע געבילדעט און טאַקע אַ קענער און דערצו נאָך אַ מענטש! איז דאָך דאָס ערשטע אַ קרן! ווי שיין און פֿיַין דאָס וואָלט געווען... איך רייד שוין ניט פֿון פֿרומקייט; ווער זוכט היַינט, ברוך-השם, פֿרומקייט? נור זיַיט – האָב איַיך אַ קאַדיק! – מענטשן מיט לייַטן גליַיך! פֿירט כאָטש אַ שטיקל שטאַט – אַזוי וויל און אַזוי גוט וואָלט איַיך געווען, און מיר אויך! ניין, באַדאַרף דיר גאָר אויפֿשטיין אַ ניַיער דור, מיט קענטשאַפֿט, מיט ביכלעך, מיט חבֿרות, מיט סאָבראַניעס, מיט די

אַלע אומגעלומפּערטע נעמען, און דער שוואַרצער יאָר ווייסט זיי דאָרטן וואָס נאָך. און עס וואַקסט אויס אַ דור פֿון משוגעים, מיט קרומע קעפּ מיט צעדרייטע מוחות און מײַנע קינדער אויך בתוכם!...

אַכט קינדער האָב איך, זאָלן געזונט זײַן – פֿינף זין און דרײַ טעכטער, און אַלע האַלטן אין איין בילדן זיך; אַלע האַוון אויף וואָס די וועלט שטייט; טאָג ווי נאַכט זענען אַלע פֿאַרנומען, צעטראָגן; אַלע זענען אײַנגעשריבן אין חבֿרות, און יעדער האָט זיך זײַן נאָמען. איר קענט בײַ מיר געפֿינען פֿון אַלערליי סאָרטן, דהיינו: אַ טאָכטער אַ צאָנדאָקטאָרקע, אַ זון אַ צער–בעלי–חיימניק, הײַנט אַ דאַנטיסט, אַ ציציליסט, אַ ציוניסט און אַ גימנאַזיסט און אַנאַרכיסט אונ... אונ... בײַ מיר גייט אַוועק צוויי געבעק ברויט אַ וואָך!

איך זאָג אײַך, אַז איך לעב פֿון זיי ניט, ממש איך לעב ניט! אַ נאַרישקייט גאָר! שלאָפֿן אַפֿילו לאָזט מען מיך אויך ניט. איך געדענק שוין ניט די צײַט, וואָס איך זאָל אָפּשלאָפֿן אַ נאַכט ווי געהעריק איז. נאַכט אין נאַכט רק מען קלאַפּט, קלאַפּ-קלאַפּ דאָ דער, דאָ יענער – מיט אַן אויג ניט צוצומאַכן.

אָקאָרשט דו לייגסט זיך ווערסט אַנטדרעמלט – אַהאַ, מען קלאַפּט. ווער איז? מײַן טאָכטער זאָל געזונט זײַן; אַ מאָדע געמאַכט זיך – אומשלעפֿן זיך ביז האַלבע נאַכט דערנאָך קלאַפּן. מײַן אַלטע ווי איר זעט, איז גאָר קיין גבֿרת ניט נאָר אַ שוואַכע ייִדענע – קריכט זי שוין נעבעך, אַ באָרוועסע עפֿענען דער טאָכטערל די טיר און פֿאַרהוסט זיך אויף דרײַ זייגערנע שעה. מײַן טאָכטער קומט אַרײַן און בלאָזט זיך נאָך, זי איז נאָך ברוגז, באשר די וועטשערע איז איר קאַלט.

אין אַ ווײַלע אַרום – מען קלאַפּט ווײַטער. איך האָב שוין פּשוט רחמנות אויף מײַן אַלטער און קריך אַליין עפֿענען די טיר. ווער איז? מײַן עלטערער זון איז געקומען, שדים ווייסן פֿון וואַנען, פֿון אַ סאָבראַניע מסתּמא ערגעץ.

איך קריך צוריק אין בעט; קוים דערוואַרעמט זיך אַ ביסל אונטערן קאָלדרע – אַהאַ מען קלאַפּט ווײַטער: מײַן צער-בעלי-חיימניק גייט. און דו, טאַטע, קריך, עפֿענען זיי יעדער רגע. און אַזוי צערודערן זיי מיר דעם גאַנצן שלאָף. איך שלאָף שוין ניט ביז טאָג.

און אַ גאַנצן טאָג בין איך ווי אַ דערשלאָגענער: אַ קלייניקייט, אַ מענטש דערשלאָפֿט ניט!

מיינט איר, שוין דאָס גאָר? נאָך ניט גענוג. באַדאַרף איך זײַן תּמיד אין איין שרעק, אין איין פּחד. זינט עס איז בײַ מיר, ניט הײַנט געדאַכט, געווען דער אָביסק, לעב איך ניט. שטענדיק איז מיר דאָס האַרץ ווּ אונטערן אײַז. אַ ווערטעלע צו זאָגן: אין מיטן נאַכט גייען דיר אָן אַ פֿולע שטוב מיט זשאַנדאַרן, מיט סאָלדאַטן, מיט פּאָליציי און מען קערט איבער די שטוב כּפֿתּור-ופֿרח, מיטן קאָפּ אַראָפּ, מיט די פֿיס אַרויף! איך שטיי אין איין שרעק, עס קלאַפּט מיר אַ צאָן אָן צאָן. איך ווייס? אפֿשר עמעצער עפּעס אונטערגעוואָרפֿן? אַ גניבֿה? אַ בילבול? אַ קאַשע אויף אַ מעשׂה! איבערגעריִעט האָט מען יעדער ווינקעלע, אויסגעזוכט, ווּ עס איז נאָר פֿאַראַן אַ פֿאַרבאָרגענער ערטעלע; די פּאָדלאָגע געריסן, די ווענט געדראַפּעט, אַלע ספֿרים פֿון שטוב, אַלע קינדערשע ביכלעך, אַלץ איבערגעזען פֿון דער אַלטער כּתובֿה ביז דער מזוזה – אַלץ איבערגעקוקט. שײַך צו זאָגן, זינט איך לעב, זינט איך שטיי אויף מײַנע פֿיס, האָב איך אַזאַ שרעק ניט געהאַט! די אַלטע מײַנע איז שיִער אין חלשות ניט געפֿאַלן; די קינדער אַלע – טויטע, אָן אַ טראָפּן בלוט, ממש געשטאָרבענע מענטשן אַלע...

און וואָס האָט מען געזוכט? עפּעס ביכלעך, ווייס איך זייער, עפּעס זאַפּרעשטשאָנע אַזוינע וואָס מען רעדט דאָרט על ד׳ ועל משיחו ועל ננתּקה אין איינעם!

נו, פֿרעג איך אײַך, באַדאַרף איך עס האָבן אויף דער עלטער אַזעלכע געשעפֿטן אויף זיך? דאַרף איך דאָס האָבן אַזעלכענע פּעקלעך? דאַרף איך דאָס האָבן, אַז אין זינען זאָל מיר ליגן דער שוואַרצער יאָר, ווייס איך? אַז אַלע ווײַלע פֿון יעדן שאָרך בײַ נאַכט זאָל מיר די דמים אײַנפֿאַלן? קאַרג האָב איך אָן דעם? קאַרג פּעקלעך און קאָפּ-דרייעניש האָב איך אַחוץ דעם? דאַרף איך גאָר האָבן אויף זיך צרות וואָס מײַנע אָבֿות-אַבֿותינו האָבן דערפֿון ניט געוווּסט. און פֿרעג: פֿאַר וואָס? פֿאַר ווען? באַשר מײַן טאָכטער מישט זיך אין אַלע נאַרישקייטן, באַשר מײַן זון וויל מאַכן אַ טאָלק. נײַע פּאָראַדקעס וויל ער אײַנפֿירן. עס געפֿעלט אים ניט – זאָגט ער – דער פּאַריאַדאָק! גוואַלד – שרײַ איך – בהמות זענט איר! וואָס טוט איר וואָס? ווער הייסט אײַך מישן אין פֿרעמדע עסקים און שטעלן דאָס לעבן אין קאָן? ווער הייסט אײַך קריכן, ווּ מען דאַרף ניט, אין סכּנת-נפֿשות?! וואָס דרייט איר אַ מוח?

איר לעבט אַליין ניט און לאָזט דעם אַנדערן ניט לעבן. איר רוט אַליין ניט און לאָזט דעם אַנדערן ניט רוען! מילא! טענה איך – דאָס, וואָס איר זאָגט אַז בײַ טאָג דאַרף מען שלאָפֿן און בײַ נאַכט דאַרף מען אַרומלויפֿן, האַוועט משוגענערווײַז – מהיכא-תּיתי. אפֿשר זענט איר גערעכט, אפֿשר איז הײַנט אַ נײַע וועלט געוואָרן, ניט ווי אַ מאָל פֿלעגט מען בײַ נאַכט שלאָפֿן און בײַ טאָג עפּעס טאָן... אָבער וואָס בין איך שולדיק? וואָס לאָזט איר מיר ניט שלאָפֿן? וואָס לאָזט איר מיר ניט לעבן אויף דער וועלט? וואָס מוטשעט איר מיך נאַכט אין נאַכט? קאַרג האָב איך אַ גאַנצן טאָג האַרצווייטאָג און קאָפּ-דרייעניש ביז איך אַרבעט אויס די הוצאה?! אַזאַ הוצאה! קריעה רײַס איך פֿון אײַערט וועגן! די מאַמע – קוים וואָס זי לעבט, אַ שוואַכע, אַ קראַנקע און קומט די נאַכט, לאָזט מען מיט אַן אויג ניט צומאַכן. רוצחים, גזלנים זענט איר! איר טוט – זאָגט איר – פֿאַרן כּלל טוט איר?! איר ווילט די וועלט גליקלעך מאַכן? צער-בעלי-חיימניקעס זענט איר? אויף דער קאַץ האָט איר רחמנות – און אויף דעם אַלטן טאַטן און אַ קראַנקער מאַמע האָט איר קיין רחמנות ניט! אַ יושר איז דאָס? אָט דאָס הייסט בײַ אײַך „סאָוועשץ“? הײַנטיקער „זאַוועשץ“! נור גיי שרײַ חי-וקים! טענה מיט זיי, רייד מיט זיי, אַז גערעכט זענען זיי און דער משוגענער בלײַב איך...

די עלטערע טאָכטער מײַנע האָט אויסגעשטודירט ציינדאָקטאָרקע. נו, מהיכא-תּיתי, זייער פֿײַן, אַ גאַנץ איידעלע מלאָכה און אַ פֿײַנע פּרנסה. דאַכט זיך, אַז דאָס איז עפּעס אַן ענין. ווי זאָגט איר – מעשׂה-דאָקטאָר! געוויס קאָנט איר זיך פֿאָרשטעלן וואָס איר שטודירן האָט מיר אָפּגעקאָסט: לערער, ביכער, פּאַפּיר; זיבן רובל אַ חודש געצאָלט דעם דאַנטיסט דרײַ יאָר נאָך אַנאַנד, דערנאָך די עקזאַמענס – דאָ דאָ, דאָ דאָרטן, דאָ שיק איך געלט אין דער שטאָט דאָ שיק איך געלט אין יענער שטאָט. הײַנט די דאָקומענטן מיט די אינסטרומענטן מיט געצײַג אַלערליי. הכּלל, עס האָט מיר אָפּגעקאָסט גאַנץ גענוג. נור כ׳מיין, ווערלכער טאַטע איז זיך ניט מפֿקיר פֿון קינדערסוועגן אַבי ברענגען זיי צו אַ שטיקעלע תּכלית. אַ קשיא אויף אַ מעשׂה; אפֿשר איז אַ סבֿרא, אַז מײַן טאָכטער זאָל טאַקע עפּעס אָנהייבן פֿאַרדינען, אָנקלײַבן אַ ביסל נדן, אַ כּלה ווערן, חתונה האָבן, און, פֿאַרשטייט איר מיך, ברוך שפּטרני, אַראָפּ אַ באַרג פֿון די פּלייצעס.

הכּלל, אויסגעשטודירט! געקומען צו פֿאָרן אַ גאַנצע דאָקטאָרקע מיט אַ דיפּלאָם, מיט אַן אַטעסטאַט, מיט אַל דאָס גוטס. באַדאַרף

מען דאָך עפֿענען, הייסט דאָס אַ קאַבינעט, מיט מאַשינעס אַזעלכע, מיט אַ שטול עפּעס אַן אומגעלומפּערטן, מיט אַ ביסל כּלי-בית, מיט אַ טאַבליצע צום גאַס, ווי געהעריק איז. לאָז איך איר מסתּמא אָפּ די בעסטע צוויי חדרים: די שאַלקע מיט דער קאַמער, און אַליין מיט דעם געזינדל פֿאַרשטעק איך זיך ערגעץ אין אַ ווינקל הינטערן „טשולאַנטשיק„ און איך זינדיק גאָרניט. ס'איז מיר גאַנץ גוט; אַבי דערלעבט פֿון אַ קינד אַ שטיקעלע נחת, אַ פֿאַרדינערין אַ טאָכטער! און אַליין כאַפּ איך צײַטנווײַז אַ קוק דורכן שפּעלטל פֿון טשולאַנטשיק אין מײַן טאָכטערס חדר אַרײַן, – וואָס טוט זיך דאָרטן? אפֿשר ווײַזט זיך אין אַ נאָווינע אַ גילדן לייזונג, אפֿשר וועל איך דערזען אַ מטבע אין די אויגן. נור עפּעס שטיל, גאָר אויסגעפּרוירן דער מין פֿון חולים און פּאַרטיק!

זעט איר, אַזוי געסט זענען מיר, ברוך-השם גאָר ניט זשעדנע, אַלע ווײַלע קומען מיר אָן חבֿרות פֿון יונג-לײַטלעך, בחורים און מיידלעך פֿון אַלע סאָרטן: מיט ברילן און אָן ברילן, מיט לאַנגע האָר און קורצע האָר, מיט רויטע העמדלעך און בלויע העמדלעך, מיט קרומע בוזעמס און גלײַכע בוזעמס און ביכלעך – לרובֿ! מען לייענט ביכלעך, מיט חילופֿט ביכלעך, מען בלעטערט ביכלעך, אַ שלל ביכלעך! הײַנט זינגט מען דיר לידער מיט אַלערליי „פּיעסנעס“. מען קריגט זיך און מען רײַסט זיך עס איז אַ גערודער און אַ הו-האַ, אַז הימל עפֿן זיך! דער שרײַט: ווינאָקראַט! שרײַט דער אַנדערער: ציוניסט! שרײַט אַ דריטער: גראַף טאָלסטוי! אַ פֿערטער: שלאַבאָדאַ מיט קאַמף! קאַמף מיט שלאַבאָדאַ! און אַזוי כּסדר: גאָרקע. ניצשע. ציציניזם, ספּענצעריזם, איזם, פּיזם – דער שוואַרצער יאָר ווייסט זיי דאָרטן, וואָס פֿאַר אָנגעדראָלענע, אָנגעשוואָלענע ווערטער אַזעלכע, וואָס איז גאָר קיין סבֿרא ניט צו געדענקען.

און דער עולם האַלט אין איין קריגן זיך, ס'איז אַ גערודער אַ האַמפּערײַ, פּונקט ווי מען וואָלט וועלן איינער דעם אַנדערן אַ יורד-לחייו זײַן, אָדער מען וואָלט וועלן איינער בײַם אַנדערן צונעמען די פּרנסה. און וואָס ווילן זיי, וואָס קען מען זיך דאָרטן ניט צעטיילן – פֿרעגט מיך בחרם...

צום סוף, אַז מען האָרעוועט זיך גאַנץ גוט אָן, אַז אין די העלדזער ווערט טרוקן און די צינגער ווערן ווי קלעצער הייבט זיך ערשט אָן אַ סדרה: סאַמאָוואַר. מען שטעלט דעם סאַמאָוואַר (טיי און צוקער גייט דאָך בײַ מיר פֿון שטוב ניט אַרויס) מײַן טאָכטער, די

בעלת-צדקה טראָגט אַרויף דעם לאַבן ברויט, און כּהרף-עין ווערט פֿון אים אַן אָקרײַעץ; דער אָקרײַעץ ווערט אויך נעלם און דער עולם אַרבעט ווי נאָך אַ תּענית. טיי טרינקט מען דווקא זיסע. עס פֿעלט אויס גלעזער איז אויך קיין גרויסע סכּנה ניט. טרינקט דער פֿון גלאָז, און דער פֿון טעצל. אַן אַנדער מאָל טרינקען צוויי אין איין גלאָז: דער אַ זופּ און דער אַ זופּ; און אַז עס טרעפֿט שוין גאָר אַ גרויסער דוחק אויף גלעזער, טרינקט מען פֿון דער בלעכענער קוואָרט. דער אַפּעטיט איז גרויס און מען קלײַבט ניט איבער!

און איך קוק מיר אין שפּעלטל פֿון טשולאַנטשיק אויף דעם גאַנצן פּעקל האָלאָדריגעס און טראַכט זיך מיר: רבונו-של-עולם, אַ נײַע וועלט געוואָרן! אַ וועלט פֿון חכמה, אַ וועלט פֿון בילדונג, אַ וועלט פֿון קענער, פֿון ביכלעך, סאָבראַניעס, עקזאַמענס און... און... בײַ מיר גייט אַוועק צוויי געבעק ברויט אַ וואָך!...

Copyright © 2007 Leonard Prager
All Rights Reserved